# רבי אביגדור ענטפערט...



שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

ויקרא
תשפ"א לפ"ק
גליון קמ"ב

## פראגע

**ווען דער אויבערשטער האט געזאגט פאר אברהם און שרה אז זיי וועלן האבן א קינד, איז משמע אז זיי האבן געצווייפלט דערין און ביידע האבן געלאכט. אבער שרה איז קריטיקירט געווארן דערפאר און אברהם נישט. וואס איז געווען די חילוק?**

## ענטפער:

און דער ענטפער איז: פון אברהם'ס לאכן וועלן מיר אויך קענען פארשטיין שרה'ס צחוק. באמת האבן זיי נישט געצווייפלט דערין. ווען אברהם האט געלאכט איז עס געווען ווייל פאר אים איז די הבטחה פון הקב"ה געווען **פונקט די זעלבע ווי גלייך עס איז שוין מקוים געווארן**. ער האט געשפירט ווי גלייך ס'איז שוין געווען – זיין בטחון אין השי"ת האט אים געמאכט שפירן ווי גלייך ער האט שוין א קינד. אזוי ווי עס שטייט "אז ימלא שחוק פינו" – דעמאלטס, ווען די גאולה וועט קומען, וועט אונז מויל אנגעפילט ווערן מיט געלעכטער. וואס וועלן מיר לאכן דעמאלטס? מיר וועלן צווייפלען? ניין, מיר וועלן לאכן ווייל מיר וועלן זען ווי אונזער חלום ווערט ערפילט פארנט פון אונזערע אויגן און מיר וועלן זיין אזוי פרייליך אז מיר וועלן זיך נישט קענען איינהאלטן.

אברהם האט געהאט אזא שטארקע אמונה אז "דבר ה' לא ישוב ריקם", אז די הבטחה פון השי"ת וועט פולקאם ערפילט ווערן, אז ער האט שוין געלאכט, ווייל ער האט עס שוין געזען פאר די אויגן פאר ס'איז פאקטיש געשען.

שרה האט אויך נישט געלאכט צוליב סקעפטיסיזם; **זי האט אבער געלאכט אזוי ווי איינער וואס הערט א גוטע בשורה וואס גייט זיין אינעם עתיד; נישט וואס ס'איז שוין למעשה געשען**. די חילוק צווישן אברהם'ס און שרה'ס שחוק איז געווען אין א געוויסע שטאפל פון אמונה. אודאי איז זי געווען זיכער אז עס גייט מקוים ווערן, זי האט זיך שוין געפריידט מיט איר צוקונפטיגע גליקליכקייט, אבער נישט גענוג שטארק ווי ס'איז שוין ווען ממש מקוים געווארן.

ס'איז אזוי ווי מיר **ווייסן** אז משיח גייט קומען, און לאמיר זאגן מיר פרייען זיך שוין יעצט מיט דעם פאקט; אבער עס וואלט נישט געווען קיין פארגלייך צו די שמחה וואס וועט זיין ווען משיח וועט פאקטיש קומען.

איז שרה האט זיך געפריידט מיט וואס עס גייט פאסירן, און אברהם האט זיך געפריידט מיט וואס עס פאסירט שוין. אין זיינע אויגן איז עס געווען פונקט ווי ס'איז שוין געשען. שרה איז קריטיקירט געווארן בלויז ווייל די גאר גרויסע מענטשן ווערן גע'מוסר'ט אפילו פאר די סאמע קלענסטע חסרונות. (# 259)

## פראגע

**וואס קענען מיר לערנען פון די אומקלארקייט אין די וואלן-אויסגאנג, בנוגע ווער ס'וועט זיין דער קומענדיגער פרעזידענט, בוש אדער גאור?**

## ענטפער:

מיר מוזן לערנען אז די וועלט איז **רודף אחר כבוד**. מענטשן גליסטן נאך כבוד און דער נעבעכדיגער גאור קען נישט צוקוקן ווי עס גליטשט זיך ארויס פון זיין האנט מיט אזא קליינע צאל שטימען – עס טוט אים געפערליך וויי.

יעצט, אויב גאור וואלט ווען געווען אין קאנקורענץ מיט בוש איבער לערנען משניות לאמיר זאגן, און בוש וואלט געלערנט איין משנה מער ווי גאור, וואלט ער נישט געשפירט אזוי שלעכט דערוועגן... אבער גאור האט געוואלט דעם כבוד פון זיין פרעזידענט.

איר דארפט אבער וויסן אז דער כבוד פון זיין פרעזידענט איז אייגנטליך **הבל וריק**. עס ליגט גארנישט דערין. גארנישט מיט נישט. מיר האבן געזאגט פריער אז די צייט וועט קומען ווען אפילו דער בעסטער פרעזידענט ווען צוריקגיין צו דער ערד. ער וועט זיין יורד לעפר; דאס אלעס, ער איז דערנאך. און אפילו עס קען זיין פון אים סטאטועס און מאנומענטן, די סטאטועס קענען נישט רעדן פאר זיי. זיי זענען מער נישט דא. זיי ווערן ערד. און דאס איז שוין אין בעסטן פאל פאר זיי. אסאך מאל זענען זיי נישט גענוג גליקליך צו ווערן סתם ערד. זיי דארפן גיין אין גיהנום אויך.

און דערפאר איז עס הבל וריק. מיר באטראכטן זיי נאכלויפן דעם כבוד און מיר מוזן זיך דערמאנענ אז ס'איז גארנישט. איך וועל אייך געבן א משל. אין דעם טעפיך דא זענען פאראן מיליאנען באקטעריעס. שטעל דיך פאר אז די אלע באקטעריעס קומען זיך צוזאמען און ערוועלן דיר אלס פרעזידענט, און מיט א פולע מאיאריטעט!... די פאפולערע שטימען און די עלעקטאראל קאלעדזש. וואלט איר געווארן פרייליך דערמיט?! וואלט איר געווארן איבערגענומען פון ווערן אויסדערוועלט דורך מיליאנען באצילן?!

האבן זיך מענטשן צאמגעקומען און געשטימט פאר בוש אדער גאור. איז וואס? ס'איז גארנישט חוץ באקטעריע. ס'איז גארנישט מיט נישט. דער איבערשטער האט געוואלט אז בוש זאל זיין אינעם ווייסן הויז פאר א געוויסע סומע פון צייט און ער האט אים דארט אריינגעלייגט. ער האט זיינע גוטע סיבות אים אריינצולייגן דארט. אבער ס'איז גארנישט דא מיט וואס צו ווערן איבערגענומען.

בוש איז זיכער איבערגענומען דערוועגן. ער איז מורא'דיג פרייליך. אוי איז ער פרייליך! און אפשר זענען מיר אויך פרייליך. מסכים, קען זיין. אבער השי"ת ווערט בכלל נישט איבערגענומען. פון וואס ווערט דער אויבערשטער איבערגענומען? אויב א מענטש זיצט און לערנט מסילת ישרים. א מענטש וואס שטייגט אין לערנען גמרא. א מיידל וואס פרובירט צו ווערן מער און מער אן עובדת השם. איינער וואס איז מדקדק במצוות. דאס איז וואס ער האט ליב! פון דעם ווערט ער כביכול איבערגענומען און פרייליך!

און דערפאר דארפט איר וויסן מיט וואס צו ווערן איבערגענומען אויף דער וועלט. איר דארפט וויסן וואס עס מאכט באמת א נפקא מינה אויף דער וועלט. איר דארפט לערנען צו ווערן איבערגענומען בלויז איבער וואס השי"ת ווערט איבערגענומען. שלימות אין קומען נענטער צום באשעפער; גדלות אין מדות טובות און גדלות אין שכל. דאס איז וואס עס מאכט אויס. אלע אנדערע זאכן זענען הבל וריק. זיי זענען גארנישט מיט נישט. (#E-257)

## פראגע

## וויאזוי געוואוינט זיך א מענטש צו צו טראכטן וואס ער גייט זאגן, בעפאר ער רעדט?

## ענטפער:

איך וועל אייך זאגן אן עצה. פראקטיצירט עס! ווען איר גיין ארויס פון דא זאלט איר טראכטן, "איך גיי באלד אנטרעפן איינעם און בעפאר איך זאג עפעס צו אים, גיי איך טראכטן צי איך זאל עס זאגן צי נישט."

די ערשטע החלטה וואס איר זאלט מאכן איז אז איר גייט נישט זאגן גארנישט. דאס איז די בעסטע באשלוס. דער רמב"ם זאגט עס; ער זאגט אז די ערשטע זאך אפצומאכן איז אז דו גייסט נישט זאגן גארנישט.

אבער לאמיר זאגן איר מוזט עפעס זאגן – זאגט דער רמב"ם אז מען זאל עס זאגן די קורצטע וואס שייך. צייל דיינע ווערטער! דאס איז שוין צוויי זאכן, צוויי עצות.

לאמיר זאגן א מענטש קומט צו גיין אין דיין ריכטונג. איז דו טראכסט, "אה, ס'איז א גוטע געלעגנהייט יעצט! ער קומט אין מיין ריכטונג. ער וויל רעדן צו מיר, און איך מאך אפ אז איך וועל גארנישט ענטפערן. איך וועל נישט זאגן קיין איין ווארט. אויב איך דארף אים ענטפערן, וועל איך שאקלען מיט'ן קאפ, איך וועלן מערסטנס נאר זאגן איין ווארט."

אדער דו גייסט צו א חתונה; אסאך מענטשן גייען ארום די חתונה און רעדן צו יעדן. דו מאך אפ אז דו גייסט נישט ארומגיין רעדן. דו זאגסט "מזל טוב", דאס אלעס. מזל טוב, מזל טוב, מזל טוב. בלייבט נישט שטיין פלאפלען צו מענטשן. אויב זיי שטעלן זיך אפ רעדן צו דיר, הער אויס איידל אבער זאג נישט קיין ווארט! דאס איז וויאזוי מען פראקטיצירט עס.

ווען דיין ווייב זאגט דיר עפעס, זאג, "ביזט גערעכט. יא, יא." דאס אלעס. זאג פאר דיין ווייב אז זי איז גערעכט; "יא, יא" און דאס אלעס. און עס וועט זיין א גרויסע תועלת פאר ענק ביידע.

מען דארף עס פראקטיצירן. ס'איז זייער א וויכטיגע סיסטעם. פשוט עפן בכלל נישט דיין מויל, און אויב דו מוזט יא עפענען דיין מויל, מאך עס די קורצטע וואס מעגליך. (#E-123)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com

.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# אין אלע ספרים געשעפטן!




אידיש!

## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים וועכענטליך אויף אימעיל










**$1 א וואך**
**מועדים $3**

## בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

## זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782

## אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער שמחה, שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב